ב"ה

# דרשת

## הגה"צ אבד"ק ור"מ קהלתינו הק' בוויליאַמסבורג שליט"א
## אצל מסיבה השנתית לטובת
## כוללינו המפואר "כולל למצוינים" בעיה"ק ירושלים תובב"א
## ב' פרשת בחקותי תשע"א לפ"ק

ברשות דעם שווער זאל זיין געזונט (כ"ק גאב"ד דקהלתינו הק' שליט"א בב"פ), ברשות דעם פעטער זאל זיין געזונט (כ"ק הגה"צ רב דקהלתינו הק' 15טע עוו. שליט"א) און אַלע אַנדערע חשוב'ע רבנים, דער חשוב'ער ציבור.

באמת, ווען מען דאַרף זיך אויפשטעלן רעדן פון דעם חשוב'ען כולל, כולל למצוינים דאָרט אין ירושלים עיה"ק, אַז מ'וויל רעדן דאַרף מען רעדן פון עטליכע נקודות, וואָס יעדע נקודה איז פאר זיך כדאי לעצמו. דער כולל אַליינס איז א זאַך וואָס מען דאַרף פאר זיך ארויסברענגן, ר' שמואל זאַנוויל אַליינס איז א זאַך וואָס מען דאַרף פאר זיך ארויסברענגן, און ווען עס קומט זיך צוזאַם אַלעס צוזאַמען, איז דאָך דאָ אַסאַך וואָס מען דאַרף אַרומרעדן.

די וואָך איז דאָ די באַקאַנטע מדרש. דער מדרש זאָגט, דוד המלך האָט געזאָגט, בכל יום ויום הייתי מחשב, לבית פלוני אני הולך, למקום פלוני אני הולך, ורגלי מוליכות אותי לבתי כנסיות ולבתי מדרשות. פרעגן שוין אַלע, וואָס איז פשט, וואו האָט דוד המלך געטראַכט צו גיין? פאַרוואָס איז ער אָנגעקומען צום סוף נאָר אין ביהמ"ד?



יערליכע אקציע

איז דאָ, דער רבי ז"ל האָט אַמאָל געזאָגט, טאַקע ביי א מסיבה פון א כולל פאר עניי ארץ ישראל, האָט ער אויסגעטייטשט דעם מדרש אַזוי. זאָגט ער, ער האָט שוין כמה פעמים געזאָגט, אַז מ'זעט אַז דער דרך רשעים, קוקט אויס אַז זיי האָבן הצלחה. מ'זעט אַז זיי פּראָבירן, זיי בויען, זיי טוען, עס גייט געשמירט. משא"כ א זאַך פון דברים שבקדושה, פלאָגט מען זיך, מ'איז זיך מייגע, און נאָך אַלעם, נישט אַלעמאָל איז מען מצליח, עס גייט נישט אַזוי לייכט. לכאורה ווייסט מען דאָך אַז שיקרא לא קאי און קושטא קאי, ביים דרך רשעים איז דאָך נישט דאָ קיין מדת האמת, אַלעס איז דאָך שקר מרישא ועד סיפא, ווי אַזוי קען זיין אַז זיי זאלן מצליח זיין אין זייערע דרכים, און ווידער דער דרך הצדיקים איז נישט אייביג מצליח.

האָט ער געזאָגט, אמת טאַקע אַז דער דרך הרשעים איז געבויט אויף שקר מרישא ועד סיפא, אָבער זיי מיינען זייער אמת'דיג זייער שקר, און דאָס וואָס זיי מיינען עס אַזוי אמת'דיג זייער שקר, מיט דעם קענען זיי מצליח זיין. ווייל זיי טוען עס מיטן גאַנצן הארץ און מיט'ן גאַנצן אמת צוצוקומען צו זייער שקר. משא"כ צוצוקומען צו א פּינטעלע אמת, נוצט מען נישט אייביג אויס דעם גאַנצן מדת האמת, מילא קען מען אַסאַך מאָל נישט מצליח זיין.

זאָגט ער, דוד המלך האָט געוואָלט מצליח זיין אויף דעם וועג, וואָס ער האָט דאָך געוואָלט בויען די מדות פון תורה. האָט ער פאַרשטאַנען אַז ער דאַרף צוצוקומען, כדי צו קענען האָבן דעם הצלחה, מוז עס זיין מיטן אמת, אָבער ער האָט נישט געפילט ביי זיך אַז ער טוט און ער מיינט אַלעס אמת'דיג. האָט ער זיך געוואָלט גיין אָפּלערנען פון די רשעים און זען ווי אַזוי זיי אַרבעטן פאר זייערע צוועקן, און ווי אַזוי זיי קומען צו צו זייער הצלחה, און מיט דעם דרך האָט ער געוואָלט צוקומען צום מדת האמת צו די תורה הקדושה.

זאָגט ער, דאָס איז געווען די הוה אמינא פון דוד המלך, ער האָט געוואָלט גיין למקום פלוני אני הולך, לבית דירה פלוני אני הולך, כדי זיך אפצולערנען פון זיי, ווי אַזוי זיי אַרבעטן פאר זייער צוועקן, כדי דורכדעם זאל ער קענען אויפבויען זיין צוועק. צום סוף ורגלי מוליכות אותי לבתי מדרשות ולבתי כנסיות, ווייל עס פעלט נישט אויס. אַז מ'מיינט עס אמת'דיג, אמת טאַקע נישט אַלעמאָל קומט עס אן לייכט, אָבער מ'קען פון א ביהמ"ד אַליינס אַרויסנעמען א געוואַלדיגע הצלחה, און מ'קען פון דאָרט צוקומען צום מדת האמת.

דאָס איז געזאָגט געוואָרן פאר עניי ארץ ישראל, פאר א כולל וואָס דער רבי ז"ל האָט געזאָגט דעמאָלט בשעתו. און על אחת כמה וכמה היינט וואָס מ'ברויך זיך אַסאַך מייגע זיין, און מ'ברויך אַסאַך זיך פּלאָגן צו קענען אויפשטעלן אַזאַ חשוב'ן מקום תורה וואָס מ'האָט אויפגעשטעלט דאָרט אין ירושלים עיה"ק.



באמת, כמעט יעדעס יאָר קומט מיר אויס צו זיין אין ארץ ישראל מיט ר׳ שמואל זאַנוויל און מיט די כולל אינגעלייט אויף א שבת אין מירון. הגם איך זעה זיי דעמאָלט נאָר אויף שבת, אָבער נאָכדעם קומט אויס צו זיין אין ירושלים און מ׳באַזוכט דעם כולל. מ׳קען זאָגן אַז דאָס איז מסלתה ומשמנה פון ירושלים עיה״ק, אינגעלייט וואָס זענען זיך ריכטיג מייגע, באמת תורה מתוך הדחק, עס שיינט זיי פונעם פנים דאָס איידלקייט, דאָס יראת ה׳, די מדות טובות, דאָס דאַוונען, יעדע זאַך דערקענט מען אויף זיי אַז זיי לערנען ריכטיגע תורה.

איינער וואָס וויל שטיצן עניי ארץ ישראל, וואָס צדיקים פלעגן אייביג זאָגן, אַז ווי אַזוי דערקענט מען דאָס ערליכקייט פון א איד, דאָס יראת שמים פון א איד, ווי אַזוי ער שטיצט און וואָס פאר א געפיל ער האָט פאר עניי ארץ ישראל - איז דאָס פאר דעם כולל.

דאָס אַז מ׳קען שטיצן אַזאַ תורה הקדושה וואָס ווערט געלערנט מתוך הדחק אין פלטרין של מלך אין ירושלים עיה״ק האָט דאָס געוואַלדיגע געוואַלדיגע סגולות, און על אחת כמה וכמה וואָס מ׳פלעגט אַלעמאָל פאר אַלע כוללים נוצן, די סגולה פון רבי מאיר בעל הנס, דאָס איז דאָך אויך דאָ. איצט אַז עס קומט, מיר האָבן די זכי׳ אַז מיר קענען שטיצן אַזאַ חשוב׳ן און הייליגן כולל, איז אשרינו מה טוב חלקינו אַז אונז האָמיר די זכי׳ צו פאַרשטיין וואָס דער מקום תורה מיינט.

און אין אמת׳ן, דער מקום תורה איז נישט נאָר דוקא פאר די בני עניים וואָס לערנען דאָרט תורה, ס׳איז פאר די גאַנצע קהלה, קהלתינו הק׳ איז אויפגעשטעלט געוואָרן, די מוסדות וואָס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן איז אַלעס אַדאַנק דעם כולל וואָס גייט שוין אן איבער צען יאָר. מ׳האָט אַהערגעשטעלט אַזאַ חשוב׳ן מקום תורה, און פון ווען מ׳האָט עס אויפגעשטעלט עד היום הזה, איז עס געווען כסדר מוסיף והולך אין יעדן פרט ופרט. אינגעלייט זענען שוין אָנגעקומען, מ׳האָט זיך שוין פאַרהערט אַזויפיל און אַזויפיל מקצועות בהלכה, און אַזויפיל און אַזויפיל אַנדערע זאַכן, וואָס אַלעס פעלט זיך אויס צו השלמה, מ׳זאָל קענען פסק׳נען בהוראה, און אַלעס אַלעס וואָס פעלט זיך אויס וואָס איז זיך מסתעף, וואָס א אינגערמאַן קען זיך משלים זיין.

דער כולל האָט אַוועקגעשטעלט קהלתינו הק׳, דער כולל האָט אַוועקגעשטעלט מוסדותינו הק׳, און דער כולל איז א עתיד הקיום עד ביאת משיח צדקינו.

איצט אַז אונז האָמיר די זכי׳, מ׳קען אַרויסווייזן א אינטרעסע און א שטיצע, מיר ברויכן נישט צוקומען זיך אפצולערנען - ווי דער רבי ז״ל האָט געזאָגט - ווי אַזוי אַנדערע אַרבעטן פאר זייער הצלחה. אונז אַליינס, אַז מ׳קומט אין בתי כנסיות ובתי מדרשות דאָ אויף דעם צוועק, און מענטשן געבן זיך אַוועק מהונם שיינע סכומים צו קענען שטיצן דעם כולל, דאָס איז א עתיד הקיום.



בפרט ווען מיט דעם איז מען מחזק איינעם פון די חשוב׳סטע, און אפשר זאָג איך נאָך צו ווייניג, אפשר דעם חשוב׳סטן עסקן וואָס אונז האָמיר בכל אתר ואתר. אַזאַ אינגערמאַן ווי ר׳ שמואל זאַנוויל איז, וואָס אונז קען מיר אים שוין פון יאָרן, וואָס ער האָט מיט די אייגענע כוחות, מיט סייעתא דשמיא אויפגעשטעלט און אָנגעגאַנגען מדי שנה בשנה מיט אַזויפיל יגיעה, מיט אַזויפיל עיכובים וואָס ער האָט כסדר געהאַט, און אם כל זה גייט ער אן, און ער איז זיך כסדר מחזק און ער גייט ווייטער און נאָך ווייטער, און אַזוי איז מען אָנגעקומען וואו מען האַלט היינט.

געלויבט השי״ת אַז אונז האָמיר אַזאַ עסקן. פאַר דעם אַליינס וואָלט מען אַסאַך און אַסאַך שטיצע געדאַרפט אַרויסווייזן אַז מען זאל קענען אָנגיין ווייטער מיט די עבודת הקודש.

ואתו עמו די חברי הנהלה פונעם הכולל, סיי פון דאָ אין באָראָ פאַרק און סיי פון וויליאַמסבורג און פון אַנדערע מקומות וואָס מ׳העלפט אים צו, וואָס מ׳ענטשן העלפן אים צו, וואָס דאָס העלפט צו אַז די זאַך זאל קענען אָנגיין.

ווען מ׳רעדט פונעם כח הצדקה, צדקה פאַר עניי ארץ ישראל, שרייבט דער רבי ז״ל אין ויואל משה, אַז מיט דעם איז מען מקיים מצוות ישוב ארץ ישראל. דער רבי ז״ל זאָגט אָבער אַז כאָטשיג עס ברענגט מיט זיך אַלע סגולות וואָס מיינט וואוינען אין ארץ ישראל, אָבער אַזוי ווי דער אויבערשטער איז נאָר מצרף זכותים לטובה, נישט קיין זאַכן וואָס איז לרעה, איז אפילו אַז עס איז אינו דומה ווען איינער פירט זיך ח״ו נישט אויף ווי עס דאַרף צו זיין בפלטרין של מלך, צו ווען איינער פירט זיך נישט אויף ערגעץ-אַנדערש ווי עס דאַרף צו זיין, אָבער דאָס אַז מען שטיצט עניי ארץ ישראל האָט נאָר די סגולות וואָס ארץ ישראל ברענגט מיט זיך מיט. איינס פון די סגולות וואָס ארץ ישראל האָט, עס ברענגט אריכות ימים, ס׳איז דאָ רפאות, ס׳איז דאָ אַלע גוטע זאַכן וואָס מ׳האָט ווען מען וואוינט אין ארץ ישראל, למען יאריכון ימיכם וימי בניכם על האדמה האָט מען מיט דעם וואָס מען שטיצט עניי ארץ ישראל.

איז מיט דעם וואָס מיר וועלן אַרויסגיין דאָ היינט נאַכט, און מ׳וועט קענען דעקן א גרויסער חלק פונעם בודזשעט, מ׳וועט קענען מסדר זיין אַז די אינגעלייט זאלן באַקומען זייער תמיכה באַצייטענס, מ׳זאָל קענען ווייטער אָנגיין מיט די תורה הק׳, לערנען תורה מתוך יגיעה, מתוך הדחק, וועט אוודאי דער זכות מגין זיין. אַלע משתתפים וואָס העלפן צו, סיי בגוף און כל שכן בממון אַז דער כולל זאל אי״ה האָבן א קיום, וועט אוודאי דער אויבערשטער העלפן פאַר יעדן איינעם, מ׳וועט קענען האָבן השפעות טובות בגשמיות וברוחניות, בבני חיי ומזוני רויחי וסייעתא דמשיא, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין בקרוב צו די ריכטיגע ישועה, און מיר וועלן גיין בקרוב קעגן משיח צדקינו, בב״א.

